**פריש אויפן מארק:**

# זעלטן חידוש'ליכע 'ישועה שטריימל', קאסטום פאבריצירט דורך קרויס שטריימלעך, ברענגט דערלייכטונג אויף אידישע קעפ מיט פראכטפולע מלכות'דיגע אויסזען

## ישועה זו על שם מה?

דאס שטריימל איז שוין לאנגע יארן די הייליגע מלבוש, די קרוין פון קאפ, אויף די שבת'דיגע אידישע נפשות, וועלכע באלייכט און באקרוינט דעם איד ווי 'א מלך אליין'. עס איז נישט נאר דאס גשמיות'דיגע אויסזען, נאר דעם פולן בילד וועלכע שרייט 'שבת' אויפן העכסטן פארנעם.

מיט אט-דעם מטרה האט הרה"ח המפואר רבי יהושע קרויס ע"ה גענומען אויף זיך די לעצטע 35 יאר צו פארבעסערן, באשיינען, און ברענגען א פרישע יצירה צו די שטריימלעך, דורכן אריינארבעטן אין דעם, און פאבריצירן דעם שטריימל אויף א גאר פראכטפולע און מלכות'דיגע פארנעם, כולו אומר נאה כולו אומר יאה.

ווען די הערליכע שטריימלעך זיינע זענען שוין געווען א נחלת הכלל, עס האט געהויבן די אידישע צורות אין אלע אידישע געגנטער, איז אבער רבי יהושע ז"ל נישט זאט געווארן, ער האט כסדר אונטערגענומען נאך מיסיעס, נעמליך, אהערצושטעלן דעם זעלבן הערליכן שטריימל אבער גרינגער אין וואג.

עס איז אים נישט גרינג אנגעקומען, היינטיגע שטריימלעך איז דאך צוזאמגעשטעלט פון פילע שפיצן און פארשידענע שטאפן עס זאל זיין דויערהאפטיג פאר לאנגע יארן וואס אין טאטאל וועגט עס, אבער ער האט עס גענומען פערזענליך, און אלס אן עבודת הקודש, צו קענען אהערשטעלן לייכטע שטריימלעך פאר די וועלכע



די פראדוקציע אין פולען שוואנג פאר די נייע היסטאריש גרינגע "ישועה" שטריימלעך דורך די נייע טעכניקן און ספעציעלע לייכטע מאטריאלן

דארפן עס. רבי יהושע איז ליידער אוועק אין א יונגען עלטער, און נישט דערלעבט צו זען דעם פראיעקט כלול בהדרו.

## יש מאין

די 'קרויס שטריימלער' פארוואלטונג האט גענומען אויף זיך דעם מיסיע ווייטער צו נעמען רבי יהושע'ס חלום, און ארבעט וואס ער האט שוין אריינגעלייגט אין דעם לייכטן שטריימל און עס ברענגען מכל אל הפועל.

לאנגע יארן האט מען אויף דעם געארבעט, מיט חכמה און ריסוירטש, ביז מען איז אנגעקומען ארויסצוגעבן דעם פראדוקט אויף א הערליכע זעלטענע פארנעם, און יא, ס'וועגט גאר ווייניג, אבער פארמאגט נאכאלץ דעם 'קרויס' סטעמפל פון מלכות, פראכט, פאר וכבוד.

עס הייבט זיך אן מיט די שפיצן, וועלכע ווערן געקליבן אויף א גאר פראפעסיאנאלע און סענסעטיווע פארנעם, נעמענדיג ממש די עידית שבעידית וועלכע וועגן די וויניגסטע, און מ'וועגט אפ יעדן שפיץ באזונדער, צו פארזיכערן אז די וואג איז גאר ווייניג און מיט א פערפעקט באלאנס ארום דעם קאפ אבער דאך א הערליכע און לעבעדיגע שטריימל.

דערנאך האט מען ערפונדן א ספעציעלע שטארקע קלעב וועלכע מדארף נוצן גאר ווייניג צו בויען דעם שטריימל, וואס דאס לייגט כמעט נישט צו קיין וואג, אזוי אויך ספעציעלע לייכטע מאטעריאל גענוצט פאר די קאפלעך פארן שטריימל, און לאזן נישט איבער קיין איבעריגע וואג אויפן מענטש וואס טראגט עס אבער איז יא שטארק און דויעהאפטיג.

## למי ברא אלה

די היסטארישע דערגרייכונג פון פראכטפולע שטריימלעך מיט זעלטן-ווייניג וואג, האט שוין שטילערהייט זיך אריינגעכאפט ביים יהדות החרדית אינעם לעצטן יאר צייט, ווען 'קרויס' האט באוויזן עס אהערצושטעלן און אנהייבן פארקויפן פארן המון עם.

די גריסן, צופרידענע קונים, און די נאכפראגן זענען בלויז געוואקסן, און מען האט זיך דערזען מיט א פראדוקט וועלכע די וועלט וועט נאך אסאך הנאה האבן פון דעם, בפרט די וועלכע קענען נישט מאיזה



קאפלעך ערצייגט מיט לייכטע אבער דוירהאפטיגע מאטעריאלן



א איד קען זיך נישט גענוג אפוואונדערן פון די אומגלויבליכע נייע גרינגער **ישועה שטריימל אויפ'ן וואג**

סיבה פארנעמען קיין סאך וואג אויפן קאפ, איז דאס ממש א 'ישועה', וכשמו כן תהלתו, א הייליגע זכיה האבן די קרויס אייגנטימער אז פון די פילע וואס נוצן שוין דעם ישועה שטריימל איז אויך דער פאר הדור, כ"ק מרן הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, טראגט שוין דעם 'ישועה שטריימל' אין די לעצטע יאר, און מיט דעם איז ער משפיע מהודו ותורתו לעם מבקשי השם - און ווי אויך פאר נאך גדולי ומאורי דורינו.

די נאכפראגע איז גרויס, די קרויס שטריימל סוחרים אין אלע שטעט ווערן שוין פארבעטן פון אידן װעלכע קוקן אזוי לאנג ארויס אויף דעם 'ישועה', און אינעם פעקטערי ארבעט מען פעסט אהערצושטעלן פאר יעדן איינעם לפי רצונו וכבודו, מיט א מעגליכקייט פון עטליכע סייזעס שפיצן און נאך אפציעס.

די "ישועה" שטריימלעך זענען נישט קיין 'שעלוו אייטעם', די צוליב סענסעטיוויקייט און ספעציעלקייט פון דעם, נאר עס ווערן געמאכט קאסטום פאר יעדן קליענט באזונדער, עס ווערט פאבריצירט און געבויט פאר יעדן באזונדער, לויט זיין מאס און טעם, עס זאל ארויסקומען א כלול היופי, א זעלטן פראכט פארן קונה, לכבוד שבת ויום טוב.


